STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02609

LIKHT IN UNDZER LEBN

H. A. Shtolper

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTRÉAL
ייִדישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה היהודית העממית

ליכט אין אונדזער לעבן

ה. א. שטאָלפּער

ליכט
אין אונדזער
לעבן

פֿאַרלאַג פֿאַר ליטעראַטור און קונסט, פֿונעם שרייבער־פֿאַרבאַנד אין ר.פּ.ד.

אין דיר איז מיין גלויבן

וו ידער אנטבלויז איך מיין קאָפּ היינט פאַר דיר
ארמיי פון סאָוועטן געשטאָלטע אין זיגן
און ס׳פלאטערט מיין האריץ ווי א פאָן אינעם קאמף
און כ׳הער דיינע טריט — א העלדישער ניגון.

אין מיין הויז איך דערמאן זיך, מיט צרות באשיט
פון ליים זיינע ווענט געוועז, דער דאך פון שטרוי,
ס׳האָבן פאשיסטן באשפּריצט עס מיט בלוט
דאָס קינד מיינס דערשטאָכן, געשענדט מיר די פרוי.

און דערנאָך מיך פארטריבן מיט פייער און שלעג —
כ׳האָב די ליפּן פארביסן — געקריצט מיט די ציין
כ׳האָב געוווסט איבער נעכט וועלן זיגן די טעג
און דיין כוח וועט דעם שונא צעשפּאַלטן ווי א שטיין.

געהערט כ׳האָב פון דיר ארמיי פון סאָוועטן
פון סטאלין געפירט צו העלדישע זיגן
ס׳שיצן לעבן און פרייהייט דיינע באַיאָנעטן
און דעם חלום דעם זיסן פון קינדער אין וויגן.

און דו ביסט געקומען, געשענקט לעבן און פרייהייט
און ליבע פאר הערצער און וואַרעם פאר שטיבער
האָסט קינדער געגלעט מיט מאַמעשער צארטקייט
און זקנים באפרייט פון מורא און פיבער.

דאָס פאָלק האָט מיט ברויט און מיט זאַלץ דיך באגעגנט
אויף וועגן און שטעגן פון קארפּאט ביז דוניי
ס׳האָט געדונערט מיט „הוראַס" מיט לידער געדעגנט
און ס׳האָט לעבן צעבליט זיך צום ערשטן מאָל פריי!

* * *

חיינט לעבט זיך ביי אונדז אינעם לאנד אינעם יונגן
ווו פאָלק האָט די מאכט ווי נאָך קיינמאָל געהערט
די ארבעט מאכט יינגער און ווער ס׳ארבעט קאָן זינגען
אין קאָלווירט קומט דער פויער מיט געצייג און מיט ערד.

ס׳שפיגלען זיך קינדער אין ביכער און לערנען
און מאמעס וואָס האָבן נישט שרייבן געקענט
שרייבן צו זינען העלדן פון ארבעט
פון גליק וואָס האָט זיך מיט זיי איצט באַקענט!

און מיידלעך פירן טראקטאָרס אין פארמעסט מיט די יאַטן
ביי וועב־שטולן צוואנציק ארבעטן מערער און מער
ס׳באגעגנט אין גאס מיך מיט ווארעמען בליק און א זאַטן
א מיידל א פראכט — א מיליציאָנער.

איך ווייס ווער׳ איך דארף דאנקען ביים אויפשטיין און לעגן
דערפאר וואָס דאָס לעבן די באקן מיר גלעט —
דיר ארמיי פון באפרייער אויף סטאלינישע וועגן
דיר וועכטער פון שלום — ארמיי פון סאָוועטן!

ווידער ווילן שונאים אונדזער שלום צעשטערן
און קראקען ווי ראָבן נאָך בלוט און נאָך מאָרד
זיי ווילן זיך באָדן אין בלוט און אין טרערן
און מאכן פון ערד־קייל א פוסט, לײדיק אָרט.

זיי קומען פון וואָל־סטריט און סטראשען און שרעקן
מיט באָמבעס, מיקראָבן, שאנטאזש פון א קריג —
אָבער וועלט האָט א ווערטל: — „ס׳האָט א שטעקן צוויי עקן“
און שלאָגט מיט אים דעם שלעגער צוריק!

אין דיר איז מיין גלויבן, ארמיי פון סאָוועטן —
איך בין נאָר דער אָפקלאנג פון דער גאָר גרויסער וועלט
אז דעם שלום פון ערד־קייל דו וועסט ווידער רעטן
מיט דיין העלדישער דרייסטקייט פון סטאלין באהעלט:

און אויב מ׳וועט דיך צווינגען ארמיי פון סאָוועטן
דיין כוח באווייזן דעם שונא אויפסניי
וועלן שטיין אלע פעלקער וואָס ליבן דאָס לעבן
ארום דיר — ארום סטאלין — פאר שלום און פריי!

פויסטן

איך האָב מיינע לידער אָנגעזאַפּט מיט האַס
ווי א מעסער געשאַרפט מיינע פערזן,
פאר דעם געשושקע פון שונא, וואָס פּלאָנטערט אין גאַס,
אין פרילינג פון סאָציאַליסטישע פּאַרמעסטן.

און ס׳הויבט זיך מיין ליד, ווי אן אָדלער אין פלי
— די פּאַרטיי האָט געשטאַרקט זיינע פליגל —
צום אנטגילטיקן קאמף, צום באַרג־שפּיץ פון זיג
עס רופט דעם זקן און דאָס קינד פון וויגל.

ווייל שונאים א סך עס האָט נאָך דאָס לאַנד
ווי בוריאַנעס אויף פעלדער פון קאָרן.
נאָך שושקען זיי אין אויער, און שטרעקן די האַנט
און פּרוּוון דאָס פאָלק נאָך פאַרנאַרן.

נאָר פאָלק האָט אויגן, אין צוקונפט עס זעט,
דעם רויטן זיג פון געבוירן.
עס ביילט די פויסטן אין דערפער און שטעט
און צעפּראַלט פאַרן לעבן, ברייט די טויערן.

פאָלק האָט א כוח וואָס יאָגט אין גאַנג
מאָטאָרן און צייטן נאָר נייע.
זיי הייבן די פאָן פון אַרבעטס־געזאַנג
פאר ברידער וואָס געוואָרן זענען פרייע.

עס ציטערט און וואַרפט זיך דער שונאישער קלאַס
ביים קלאַנג פון די אַרבעטס־געזאַנגען
און ווי א פויסט א געביילטע צום גרוס אויף דער גאַס,
באַגעגנט די זון אונדז מיט הייסע פאַרלאַנגען.

מיר שפּרייזן צו איר, אַלץ נענטער איר צו,
אונדזערע פויסטן ווערן די היטער פון שלום
און בייטשן זיי בלייבן פאַר דעם קולאַק און באַיאַר
וואָס לעבן נאָך אין א נאַרישן חלום.

ווי וויעס קלאַפּן פּאָנען רויטע, פאַר פרייד
איבער דריי־בענק, פעלדער און שאַכטן
און ליכטיק צעפלאַמט זיך דער פינפקאַנטיקער שטערן
אויך אין לענדער פון שונאישע ביינאַכטן.

אָט גיב איך מיין שבועה ביים האַמער און סערפּ,
דער שטאַרקייט פון פויסטן — מיין טריי:
מיין ליד זאָל פאַר שונאים זיין שטענדיק א שווערד
און א דאַנק דער אַרבעטער־פּאַרטיי!

ליכט אין ווארשעווער געטאָ

די קאמף־פּאָן פלאטערט אין ווארשעווער געטאָ,
געוואשן אין פלאמען, אין בלוט א געפארבטע,
דאָס קינד פונעם וויגל, דער זקן וואָס שטארבט דאָ
פילט שטאָל זיך גיסן אין די אָדערן הארטע.

דער ווינט האָט געבראכט א ווידערקול
א געזאנג פון פרייהייט אויף סאָוועטישע טאנקן,
ער רעדט פון א טאָג וואָס די נאכט וועט באזיגן
און דערציילט פון א רויטן אָדלער א שלאנקן.

„גענוק שוין חברים דעם קאָפּ מיר געבויגן,
אין לאָפּעטעס לאָמיר פארוואנדלען די נעגל,
אין וועלדער פון ווארשע לויכטן טויזנטער אויגן
לאָמיר אונטער דער ערד צו זיי געפינען די וועגן.

און מען גראָבט מיט די ציין, מיט צעבלוטיקטע נעגל
אונטער ערד ווערן וועגן געבוירן
וועגן פון געטאָ, וועגן צו וועלדער
וועגן צום לעבן, צו ליכטיקע טויערן.

און עס רעשט דער געטאָ! ברידערלעכע הענט
האָבן אונטער דער ערד זיך ווי וואָרצלען פארקלעמט
ווי וואָרצלען שטארקע פון א דעמב גאָר אן אלטן
וואָס זאפּט זיין כוח אונטער דער ערד באהאלטן.

נאָר געוועזן זענען יידן און פאָליאקן אזוינע
וואָס האָבן פארקויפט זיך — אויף ברידער געשאָסן
פארקויפט זיך דעם שונא, פאר אן ארבעס פון לעבן
און בלוט פון העלדן פאר גאָלד־קלאנג פארגאָסן.

די צווייגן די פוילע, האָבן די וואַרשעווער העלדן
מיט זיבערער האנט — ווי א גערטנער באשניטן,
ווייל דעם פרילינג פון לעבן קאָן גאָרנישט פארצוימען
ווען מיט בלוט אָנגעזאפט ער האלט שוין אין צוויטן.

עס קעמפט דער געטאָ! דער דעך ווערט פלאמען
די ברוסטן ווערן טאנקן, די פויסטן גראנאטן
און אלע איניינעם, און אלע צוזאמען
קעמפן דעם טויט מיטן לעבן פארביטן.

און איינגעשפּאַרטער ווערט דאָס לעבן ווען דער קאמף ווערט שווערער
איבער הייזער יאָגן פלאמען ווי ווילדע נאָמאדן
ס׳האָט געקעמפט איינער מיט הונדערט און אפשר נאָך מערער
ס׳פאלן העלדן, אויף געפאלענע העלדן, באריקאדן.

ס׳ווערט רויק אין געטאָ, תליות באהעפטע מיט העלדן
עדות פון קאמף זיך וויגן אין ווינט
קיין קעמפער, קיין העלד נישט, דעם קאָפ האָט געבויגן
קיין זקן, קיין פרוי נישט, קיין קראנקער, קיין קינד.

דער רייטער דער רויטער, דער רעטער פון מענטשן
געקומען מיט ליכט איז, ווי א זון אויף דער וועלט
באגרוינט האָט ער ווארשע ווידער מיט לעבן
און אין קאמף פארן פרידן זיך ווייטער געשטעלט.

אין געטאָ פון ווארשע אויף היימען צעבראָקטע
גיסט היינט זיך בעטאָן פאר לעבן דעם נייעם
און פּאַליאקן און יידן נאָך נעכטן פארי׳אָגטע
קערן אום זיך קיין פוילן דעם פרייען.

ניי לעבן וואקסט אויס אויף וועגן און שטעגן
וווּ מערדער געהערשט מיט תפיסות און תליות
און ס׳קלערט נישט קיין ייד מער צו וואנדער אויף וועגן
ווען דער פרילינג פון לעבן האָט רויטע שאריעס.

דער פּוילישער האָרעפּאַשניק מיטן יידשן ברודער
זיי וווינען צוזאַמען ווי האַרצגוטע שכנים
זייער קאַמף איז דער זעלבער, די זעלבע די לידער
צום סאָציאַליזם זיי גייען ביידע אינייִנעם.

אין מיין היימלאַנד איך הער זיי, אין אונדזערע געצ־גן
און ס'פלאַמען פאַר פרייד מיר די פּאָנעם אין פּנים
ווען כ'הער ווי די עדות פון וואַרשעווער געטאָ
צעשפּאָלטן מיט ארבעט די קעפּ פון די שונאים.

זיי לעבן און רופן: מיר לעבן היינט ווידער
פאַר פוילן פון פרייהייט מיר קעמפן און בויען
דער וועג איז קיין לייכטער, אָבער קיינער א מידער
ווי בינען אין בינען־שטאָק פאַר שלום מיר רויען.

מיט אונדז איז דער הײַנט

פֿון וואָל־סטריט וויען ווינטן, דורך פֿאַריגלטע טירן
סטראַשנדיק מיט רעגנס פֿון באָמבעס און געפֿאַרן
נײַע אַלכימיסטן זיצן און שטודירן
וויאַזוי מען קען פֿאַרוואַנדלען די יוגנט אין דאָלאַרן.

מײַנע יונגע יאָר זענען פֿאַר זיי ווערטלאָזע אַקציעס —
פֿאַר בלוטיקער פֿאַרגאַנגענהייט זיי דערהויבן דעם פּאָקאַל
א חלום בלויז פֿאַר זיי, אַז ס'שטאַרבן גענעראַציעס
צי אויך די גאַנצע וועלט, פֿאַר זייער קאַפּיטאַל.

זיי ווילן פֿון דער וועלט מאַכן אַ דאַנסינג צי אַ באַר
דער וואָל־סטריט געטרעגקען זאָל סערווירן
אָריגינאַלן שוויים פֿון שקלאַפֿן, בלוט פֿון פֿעלקער, פֿאַר אַ דאָלאַר
מיט וויסקי פֿאַרשיכורן די יוגנט און צום שלאַכט־הויז פֿירן.

ניין! קיינמאָל! מיר הערן נאָך דעם טראָט פֿון די פּראָטעזן
און פֿילן נאָך אויף פּלייצעס, די קאַלטע שפּיצן פֿון באַיאָנעטן
מיר ווילן נישט די אויגן נאָר נאָכט זיי זאָלן זען,
מיר ווילן נישט זײַן קאַבייען צו סערן אין עפּרובעטן.

* * *

מיר ווילן לעבן אין שלום און שאַפֿן און בויען
פֿאַבריקן און הײַזער מיט זוניקע פֿענצטער
ס'זאָלן קינדער אין גערטנער ווי בינען דאָ רויען
זיך צעוואַקסן ווי ליכטשטראַלן איבער מלחמה־געשפּענסטער!

און פֿאַמען כ'וויל שרײַבן און לידער זינגען
פֿאַר מײַן רעפּובליק, פֿאַר מײַן ליאַ, מײַן מאַמען
די דוגיי זאָל זיי הערן — איבער קאַרפּאַטן דערקלינגען.
דאָס פֿאָלק פֿון מיך געבוירן, מיט אים זינגען צוזאַמען.

ווען ס'איז מיין יונגנט א גאָרטן, ווען ס'צוויטעט מיין לעבן
און בופלאָקסן ווילן צעטרעטן מיינע יאָר מיט קאַפּיטעס
איז מיין הארץ אינעם קרעמל, ווייל פון דאָרט קומט דער שלום
און סטאלין איז דאָרטן און אויך מיין לאנד ער היט עס.

איר פילט נישט, איר הערט נישט, ווי ס'טרענקט זיך אייער וואָרט
אין פראנקרייך, איטאליע, אין דייטשלאנד דערוועקטן
אין אזיע דער ברייטער, אויך ביי אייך אויפן אָרט
אין שאָטן פון וואָלקנקראצערס, מיט נעגער־בלוט באפלעקטע.

איר הערט און איר פילט און עס שרעקט אייך דער מאָרגן,
און אויב איר ווייסט נישט, טוען מיר אייך צוזיסן,
אז געגנסטער, ווי איר, וועלן קיינמאָל נישט קענען
שטעלן דעם שלום צור וואנט און צעשיסן!

מיט אונדז, איז דער היינט, א ליכטיקער ברייטער
דער נאָך שענערער מאָרגן, וואָס היינט מיר שוין זעען
סע ברענגט אים דער קאמף פאר שלום פון פעלקער
מיט קאָמוניסטן פאָרויס, מיט סטאלין מיר גייען!

מיין יוגנט

יוגנט מיין יוגנט מיט שטורמישע יאָר
האָסט אין פייער געשטאָלט מיך, געבאָוועט אין בלוט
שניי־גלעקלעך פון עלטער מיר צעבליט אין די האָר
נאָר מיין פרייד און געלעכטער נישט געוואָרן איז מיד.

ביסט געוועזן מיר א קוואל פון קאמף און פון לעבן
ווען טויט אין דעם לאגער האָט געפרווט מיך דערשטיקן
האָסט יוגנט מיר ווידער נייעם כוח געגעבן
צו גיין אויף די ליכטיקסטע, זוניקסטע בריקן.

געפירט מיך דורך טיפעניש פון ווילדע מלחמות
דורך הייזער פון באָמבעס און פלאמען געשענדט
אויף דר'ערד האָט מיין בלוט זיך צעשריגן אין הארץ נאָך נקמה
ווען כ'האָב אָן א קאָפּ געזען ליגן א קינד.

ווי א בלום צו דער ברוסט — כ'האָב געדרוקט דיך מיין יוגנט
געוואָלט נאָענט דיך פילן, ווי דאָס היימלאנד סאָלדאטן
כ'בין געוואָרן א זעלנער אין קאמף פארן היימלאנד
אונטער דער פאָן דער רויטער פון לאנד פון די ראטן.

דעם שונא געשלאָגן. אין ברען פון די שלאכטן,
ביז עפּאָלעטן צעשפאלטן דעם קאָפּ די יונקערס,
אז קיינמאָל זאָל קיינער אויף מיין יוגנט מער וועטן
ווי אויף א פערד וואָס יאָגט זיך אין ווילדסטן גאלאָפּ.

היינט וואקסט מיין לעבן צווישן הויכע רושטאָוואניעס
צווישן בלומען פון רויך וואָס פון קוימענס צעבליען
זענען סירענעס מיר לידער, מאָטאָרן, פונקען פון כוחות
וויגן פאר מיין יוגנט די טעג וואָס צעגליען.

ס׳איז מיר ליכטיק דער וועג, און דער טריט איז געניט מיר
איך ארבעט אין שאכט היינט מיט געאָרגען צוזאמען,
אויף מיין גאס, דאָס שטעטל זיך זאמלט צו זען מיך
צו זען ווי כ׳פארמעסט זיך מיט וועטעראנען.

ווען פארנאכט כ׳קום צוריק, מיט נעלקן, רויטע, פון פונקען
געהעפט אויף מיין פנים פון נאָרמעס באזיגטע,
פיל די שטארקייט פון לאנד איך, דעם מארש זיינעם פלינקן,
זע איך גליקלעכע מאמעס פון לעבן באגליקטע.

צום טאָג פון גרויסן זיג

מיר האָבןביידע זיך אין מיידאַנעק באַגעגנט,
פון סטאַלינגראַד דו ביסט געקומען ווי אַ גוואַר,
איך בין געוועזן אַ ייד פון שרעק און אש באַרעגנט
פאַרטריבן פון מיין היים אין וועלדער פון געפאַר.

האָסט וואַרעם מיך געהאַלדזט און פעסט געדרוקט מיין האַנט, מיר
פון ראַנעץ מיר געגעבן אַ שוואַרצן לייבן ברויט,
מיין קינד דו האָסט געשאָנקען דעם שטערן פון דיין מיץ
אַ שטערן מיט פינף קאַנטן, ווי דער פון קרעמל־רויט.

— „גיי, האָסטו מיר געזאָגט, באַפרייט איז שוין דיין לאַנד,
— „און דו, האָב איך געפרעגט, דו גייסט אַצינד וווּהין?
— „דעם שונא כ׳גיי צעשלאָגן, די וועלט באַפרייען פון שאַנד
געזאָגט האָסט מיר מיט שטאָלץ: „אידו יאַ נאַ בערלין”.

צופוס לעבן דיין פערד, כ׳האָב מונטער דיך באַגלייט,
דאָס קינד מיינס אויפן זאָטל געהאַלטן האָסט פאַר דיר, —
ווי פון אַן אַלטן חבר כ׳האָב מיך פון דיר צעשיידט
דער זון האָט נישט געוואָלט מער גיין אַהיים מיט מיר.

— דער דיאַדע וועט נאָך קומען, ער מוז נאָך קודם זיגן
האָסטו אים צוגעשריגן, אַ ריס געטון דאָס פערד...
געפילט כ׳האָב ווי דיין לאַנד, געשאָנקן האָט דיר פליגל
זאָלסט פליען ברענגען פרייהייט אויף דער דייטשער ערד.

פון דיר וואַניע מיין פריינט האָב איך געהערט, געטרייער,
אַז נעענטערסט זיך צום רייכסטאַג ווי אַ שטורעם־ווינטער,
שטייגסט איבער בערג פון פלאַמען, שווימסט ים׳ען דורך, פון פייער
דער וועלט דעם שלום ברענגען, דעם גרויסן זיג וואָס גיכער.

און אין א טאָג פון מאי, דער שענסטער פון די מאיען
האָט אויפגעהילכט — א דונער פון דער גרויסער בשורה
אז די שלאנג פון רייכסטאג וואָס פלעג מיט טויט־סם שפייען
צעטרעטן ליגט ווי — א חיה ביי זיך אליין אין נאָרע!

דו האָסט דיין וואָרט געהאלטן, וואניא, דו מיין חבר,
דעם שונא אויפן האלדז האָסטו דעם שלייף פארצויגן
און האָסט באפרייט די ערד פון פייער און פון זשאווער
און נאָך אמאָל דער וועלט געעפנט ברייט די אויגן.

אז דו דער וואָרער רעטער, און סטאלין איז דיין לערער,
אז איר קעמפט פאר דעם שלום פאר לעבן און פאר גליק;
איר מאכט פון יעדן טאָג א בלאט אין דער געשיכטע,
פון יעדער שעה פון ארבעט א וואָפן קעגן קריג.

פון מדבר מאכט איר גערטנער, מיט טייכן בינדט איר ימען
פון שקלאפן פרייע מענטשן און פון דערפער שטעט
ווי ברידער פירט איר פעלקער אלע גלייך צוזאמען
און שונאים רייסט אראָפּ איר די חוצפה און געשפעט.

פאר אונדז איז אייער זיג דער גרעסטער זיג פון זיגן
עס האָט געזיגט דער מענטש, עס האָט געזיגט די וואָר;
ס'האָט סטאלין דאָך באפוילן: — „פאר שלום מוזט איר זיגן,
פאר זקנים און פאר מאמעס, פאר קינדער לאנגע יאָר"

דערפאר קאָן איך היינט לעבן, ארבעטן און זינגען
און טראָג קאָן מיין זון פון דיר דעם רויטן שטערן
איך ווייס אז דיין גבורה די שונאים וועט באצווינגען
וואָס דורשטן היינט אין וואָל־סטריט נאָך בלוטיקע באגערן.

* * *

זאָלן וויסן עס, די שונאים מיט תליות אין די אויגן
אז זייער לעצטע שעה שלאָגט אויס שוין, זי איז נישט ווייט.
ס'וועט צווינגען זיי דאָס פאָלק אליין דעם קאָפּ צו בויגן
אין דעם איז היינט דער כוח פון דער נייער צייט!

עס ווערט דיין זון א זעלנער

וויין נישט מאמע מיינע
איך בעט דיך, נישט וויין
נישט טרערן אויף דיין פנים,
ווייל איך רינען זען.

ס'איז דאך היינט א יום־טוב,
ס'ווערט דיין זון א זעלנער.
טו אן דיין נייעם מאנטל
מיט דעםברייטן קאלנער.

און קום באגלייט צור טיר מיך,
געזעגן זיך אן וויי.
א פריילעכער דיין זון דאך,
גייט דינען אין ארמיי.

— ניין, מיין קינד, איך פריי זיך,
די טרערן וואס דו זעסט,
האבן באנעצט מיין פנים
פשוט אזוי, פאר פרייד.

איך וועל דיך זון באגלייטן
ביז צו דער קאזארעם
און היטן זאל דיך שטענדיק
דיין מוטערס ליבע ווארעם.

איך גיב מיט פרייד דעם לאנד דיך
זאלסט דינען עס געטריי,
קיין שונא זאל די גרענעץ
צערייסן מער אויפסניי.

און ווען מלחמה־העצער
וועלן דראָען מיט קריג
שטעל זיך אין קאמף פאר שלום
פאר מאמע, חיים און וויג.

געזונטערהייט נאָר, גיי מיר,
און דין דעם פאָטערלאנד.
א זעלנער זיי א גוטער,
און מאך מיר נישט קיין שאנד.—

— כ׳גיי מאמעניו היטן
דיך און די רעפובליק
די קינדער וואָס זיך שפּילן
די מענטשן פון פאבריק.

דאָס גאָלד פון פרייע פעלדער
די מי פון די שאכטיאָרן,
און פון קאָלווירט דאָס לעבן
די לידער פון טראקטאָרן.

פאר די מלחמה־העצער,
פארשפּארן כ׳וועל די וועלט
און פאר מיין רעפובליק דאָ
וועל ווערן אויך א העלד. —

— נו, גיי מיין זון, מיין גוטער
דיין מאמע דיך באגלייט
גיי דין זיך אוים מיין טייערער
און קום געזונטערהייט!

שניטער זינגען נייע לידער

א מתנה די שניטער פון דער ה. פ. ר.

ש ניטער פרייע שניידן זאנגען
שניידן, בינדן פאר דעם לעבן
ארבעט בליט אין די געזאנגען —
די רעפובליק אלץ העכער הייבן.

ס'איז מיין לאנד היינט שטארק, געניטער
כ'טראָג מיין צוקונפט אויף מיין ארבעט
כ'בין געבוירן אין געוויטער
כ'זאָל פאר שונאים זיין א שטורעם.

ס'איז אמאָל געווען מיין קאָסע
שווער אין האנט ווי א שטיק בליי
מיין פנים פלעגן בייטשן בייסן
און ברעכן מיר די פלייצע נ'דריי.

האָט רעפובליק געשענקט מיר יאָרן
מיר געגעבן פרייע ערד
שפייען סם ווי שלענג קיאבורן *)
מיין קאָסע ווערט קענגן זיי א שווערד.

ס'פלעכט די זון אין מיינע צעפ
פעדים גאָלד ווי פאר א כלה
חאלטן מיידלעך שטאָלץ די קעפ
גלייך אין רעכט מיט מענער אלע.

---

*) בעלי־גופים

ליב מיר איז דאָס לאַנד און אייגן
וואָס לערנט גיין מיך קעגן ווײ
צום גליק פירט אונדז אויף אַרבעט־וועגן
דאָס לאַנד, דער פּלאַן, בראַש פּאַרטײ

שנימער פרייע שניידן זאַנגען
שניידן, בינדן פאַר דעם לעבן
אַרבעט בלײַט אין די געזאַנגען
רעפּובליק אַלץ העכער הייבן.

אן ענטפער אויף זעליק בארדיטשעווערס דרינע

שפּיל קאפעליע, פרייליך מונטער,
האלט מיין ליד מיט פייער אונטער,
ווייל נישט פידל אויף דיין סטרונע
היינט איז יום־טוב אויך אין סטינע. [1]

נישט קיין אוי און נישט קיין ווייי
זאָל באגלייטן מיר מיין ליד,
געזאנג פון ארבעט העכער, הייי
זאָל צעקאָכן מיר דאָס בלוט.

פון מיין ארבעט ווענן פולע
שיק אין שטאָט איך מיט גדולה
מילך און האָניק, ברויט און ווייןן
זאָל דער אַרבעטער זאט זיין.

מיין פייפל שפילט און ס'פאשען שאָף
ס'ווייסט מיין פייפל פון קיין שלאָף
עס פאשען גראָזן פעטע רינדער
ווי ריזן וואקסן אוים די קינדער.

פון שטעט יאָגן די קאמביינען
צו די פעלדער, גוטע שכנים,
כ'האָב היינט ווייץ, כ'האָב היינט בריגדזע [2]
און א טראקטאָר שטאט א „מינדזע". [3]

1) וו' מ'האלט די שאָף.
2) שאָפענע קייז.
3) א לאָשעק.

נישט מער הונגעריק און „גאָל" [4]
כ'האָב היינט שאָף, איך האָב היינט וואָל
און א פרוי מיט זומער־אויגן
נישט קיין פּלייצע מער געבויגן.

כ'בין קיין „ארגאט" [5] מער, נישט קיין נאר
איך האָר'וועּ נישט פאר דעם באָיאר
מיין לעבן צייטיקט ווי דער קאָרן
דער קאָלווירט מיך ניי־געבוירן.

ס'טראָגט מיין העמד נישט מער קיין לאטע
היינט א הויז ווי געוועז מיין כאטע
איך בין פריי און קלאָר מיין בליק
אין דער נייער רעפּובליק.

פאר כעס שפּרינגען מיינע שונאים
ווען די זון גלעט מיר דאָס פּנים
שפּיל קאפּעליע, שטארקער, העכער,
לאָמיר אויסטרינקען א בעכער.

איך בין רייכער היינט פון תמיד
מיין לאנד וויל איך אָנטון כבוד
ווייל עס היטן מיר דאָס גליק
די פּארטיי און רעפּובליק.

4) נאקעט.
5) א משרת ביים באָיאר.

ווערטער, באנוצטע אין זעליק בארדיטשעווערס דווינע.

מאָטעלע איז גרייט

היינט פרי האָט זיך אוועקגעשטעלט
די זון ביי מאָטלס בעט,
א גלעט געטון אים: — מאָטעלע,
שטיי אויף שוין, עס איז שפּעט.

פלינק ווי א הירש איז ער אראָפּ
אין גאָרטן פון די טרעפּ,
גענומען רייסן בלומען זיך
און בינדן א בוקעט.

האָט אים דערזען זיין באָבעניו
מיט שניי־באַשיטע האָר
אויף ווינטער שטריקט זי זיצנדיק
אים זעקעלעך א פּאָר.

— וואָס רייסטו בלומען, מאָטעלע,
נו, זאָג דיין באָבען, זאָג,
וואָס פאר א יום־טוב איז דען היינט
אין פּראָסטן וואָכן־טאָג?

הייבט מאָטל אויף די אייגעלעך
און קוקט זי אָן געטריי —
— ס'איז אויגוסט דריי און צוואנציק היינט,
דער גרויסער טאָג פון פריי!

— און ווער געבראַכט אים מאָטעלע
פרעגט אים די באָבע, ווער?
— עס האָבן סטאַלינס בראַווע זין
דעם טאָג געבראַכט אהער!

— סטאלין! זאָגט זי, אים לאַנגע יאָר
האָט גליק געבראַכט און פרייד
און ס׳קייקלט זיך א טרער אראָפּ
אויף איר געבלומטן קלייד.

— נישט נאָר מיט בלומען, מאָטעלע,
באגריסן זאָלסט דעם טאָג
זאָלסט לערנען גוט און העלדיש זיין
און קעמפן קעגן פּלאָג.

פאר שלום קעמף און קעגן קריג
קיין רגע לאָז פארביי
דיין טאטן, ווייסט דאָך, האָט די ברוסט
צעפרעסן א שטיק בליי.

דו ביסט היינט פריי, האָסט גוטע פריינט
דאָ אין דער רעפּובליק
זי האָט דיך ליב ווי א מאמע גאָר
היט אָפּ זי ווי דיין בליק.

ס׳האָט מאָטל זיך אוועקגעשטעלט
ווי א גוטער פּיאָנער
— די רעפּובליק וועל היטן איך,
ביים רויטן טיכל כ׳שווער!

פאר שלום וועל איך לערנען גוט
דער בעסטער זיין אין קלאַס
חברים געבן פריינטשאפט נאָר
און שונאים טויטן־האַס.

און מוטיק וועל איך, העלדיש זיין —
ווייסט באבע וויאזוי?
ווי קינדער פון סאָוועטן־לאנד
ווי אָלעג קאָשעוואָי.

צעפלאם דיין ליד
(צו א וואקלדיקן דיכטער)

אין רעש פון בוי און ארבעט
שרייב איך אָן מיין ליד
שטייט לעבן מיר א דיכטער
מיט אש אויף זיין געמיט

פרעג איך אים: — וואָס זינגסטו
נאָר פון וויי און טרויער?
ברעכט ער ביידע הענט זיך
רוימט מיר איין אין אויער:

— כ'הער ווי'ן פרעמדע לענדער
מיט יאָר־לאנגע מעת־לעתן
וו פויסטן און גראטעס
וואָרט און ברוסט צעפרעסן.

ווי זאָל איך דען זינגען
א פריילעכן ניגון?
ווען קינדער דאָרטן זויגן
דעם טויט אין גרויע וויגן.

און פלאמען־רויטע שלענג
איבער הייזער יאָגן
און מענטשן פאר א ביסן
זיך מיט פייגל שלאָגן.

ס'איז הארבסט אין מיין נשמה
כ'קאָן קיין טרער פארשווייגן
ווען בעסטע זין נאָך פאלן
ווי בלעטער פון די צווייגן.

— עס העלפן נישט קיין טרערן
הער מיך אויס געטרייער,
א קעמפער מוז דערשטיקן
פון קלאָגעניש דאָס פייער.

פון צווייגן פאלן בלעטער ?
וואָס איז שוין דערביי —
אבי די צווייגן בלייבן
זיי בליען אויף אויפסניי !

פון יעדן זון וואָס פאלט נאָך
אין קאמף פאר פריי און ברויט
ווערן געבוירן הונדערט.
מער פאָנען ווערן רויט.

צעפלאם דיין ליד און פלי־זשע
ווארף צו דר'ערד דיין טרויער
א פריילעכס ליבט, א העלדישס
דער קעמפער און דער בויער !

לאָז נישט אליין אין קאמף זיי
אין קאמף זיי דארפן ליד
באגלייט זיי'רע דערפאָלגן
און זיי ווי זיי נישט מיד.

סער אום זיך צו די ברידער
וואָס קעמפן קעגן נאכט
זינג לויב דעם קאמף דעם וואָרן
ווען פאָלק גייט אין דער שלאכט.

ס'איז שווער דער קאמף און ביטער
נאָר ביטערקייט ווערט זיס
ווען יעדער זיג פון פעלקער
די שונאים איז א שפיז !

צעפּלאַטערט יעדעס האַרץ זיך
ווי אַ רויטע פֿאָן!
ווייל קאַמף קאָן נאָר דעם שלום
ביים טיש פֿונעם סך־הכּל
זעצן אויבן אָן!

שפּיל מײַן פידל

הער נאָר פידל, הער נאָר,
צי אוים דײַנע סטרינגעס
עס האָט געשענקט דאָס לאנד מיר
טײַערע מתנות.

עס האָט געשענקט דאָס לאנד מיר
ווײַסע טעג ווי טויבן
זיי פאָכן מיט די פליגל
הער, פאר מײַנע שויבן.

זיי פאָכן מיט די פליגל
רופן מיך צום לעבן
זיי ווילן מײַנע יאָרן
מיט שלום, גליק פארוועבן.

און שענקען מיר אָן אויפהער
פרײַהייט, ליכט און ברויט
מיט האָניק מיר פארבײַטן
די ביטערקייט פון נויט.

ס'שפּילן פרײַ זיך קינדער
שפרינגען ווי די הירשן
עס גלאנצן זײַ'רע אויגן
ווי צײַטיקע קארשן.

מאמעס טראָגן אין לײַבער
נײַעם שפּראָץ פאר מאָרגן
זיי וועלן אונדז געבוירן
אין א וועלט אָן זאָרגן.

ארבעטער פון פאבריקן
יאָגן איבער, יאָרן
באגלייט זיי אן אָרקעסטער
פון טויזנטער טראקטאָרן.

אין פויערישע מיילער
וויינט נישט מער די דוינע
פון ליפּן שפּרינגען האָרעס
וונדערלעך אזוינע.

צי גיכער אויס די סטרונעס
פידל מיינער, פידל,
צוזאמען מיט דעם צימבל
שפּיל א פריילעך לידל!

פּאַק אויס דיין האַרץ

קום, גיב געליבטע מיר דיין האַנט,
דו ווייסט דאָך אַז איך האָב דיך ליב —
דער וועג צור צוקונפט אונדז באַקאַנט
ווי די גאַס וואָס פירט צו אונדזער שטוב.
קום מיט! נישט ווייט פון אונדז דער ברעג
אין צווייען גייט גרינגער זיך אין וועג.

קום חברטע און ווער נישט מיד,
אונדז פירט פאַרטיי צום גליק לויט פּלאַן
ס'איז אונדזער כוח, אונדזער ליד
מיר גייען צום ציל מיט ריזן־שפּאַן
מיר זענען דאָך נישט מער אַליין
מיט אונדז מיליאָנען מענטשן גיין.

קום ריי דיך איין, דאָס איז דער וועג
אין אַ פאַבריק צי אַ ביוראָ
און פּלאָנטער דיך נישט צווישן פּעק
פּאַק אויס דיין האַרץ און בלייב אַ דאָ
ווי „האָרע" מיטן „פריילעכס" היינט
זענען אויף לעבנלאַנג זיך פריינט

קום קוק פאָרויס, נאָר אַלץ פאָרויס
און זע, דעם הימל גרייכן ווענט,
עס פאַרטיקט זיך דאָס נייע הויז
געבויט פאַר אונדז, מיט אונדז'רע הענט.
מיט זון און פענצטער, אָפּ'נער טיר
פאַר אַרבעט־מענטשן, פאַר דיר און מיר.

און נישט פארגעם געליבטע, הער,
פאר אלץ פארענטפערן מיר אליין,
פאר יעדן גרייז, פאר יעדן קער,
פאר יעדן קרום געלייגטן שטיין
פאר אינדז א משל גוט באקאנט
שטייט מעכטיק גרויס סאָוועטן־לאנד.

נישט זוך די צוקונפט ערגעץ ווו,
ס'האָט וואנדערשאפט הארבן געשמאק —
א טויב ווען זי וויל האָבן רו
בלייבט ביי איר מאן אין טויבן־שלאג
דאָ האָסטו מיך, אונדז'רע פיר ווענט
און צוקונפט וואקסט ארויס פון הענט.

נישט פארמאך פון הארץ די טיר
נישט שטיי פון זייט! באטראכט און קלער
לייג די האנט און קריטיקיר
וואָס ס'איז נישט גוט, נישט וואָס ס'איז שווער
(ביז ווען אן אָדלער הויבט אָן פליען
פרווט ער די פליגל אליין צו ציען)

איך ווייס דו האָסט מיך ליב, איך ווייס.
און וועסט מיר זאָגן אָפן, שטארק,
אז ס'איז דיר ליכטיק אויפן הארץ,
ווען גייסט מיט מיר,
ווי מיטיק־צייט אויף שפיץ פון בארג.
נו, בלייב א דאָ און ריי דיך איין!
און ווער מיין פרוי און איך דיין מאן
מיר וועלן קינדער האָבן — אונדזער הויז
און גיין אין לעבן, אלץ פאָרויס.

צו דער פרוי

דער מיין פרוי, דו קוואל פון לעבן
קוואל פון דורות און פון זיין
אז מען לעבט קאָן מען דערלעבן
זען די צוקונפט און איר שיין.

און מיר לעבן און דערלעבן,
וואונדער, יעדן טאָג אויפסניי —
טעג פון צוקונפט פאר אונדז שוועבן,
אויסגעקעמפטע טעג פאר פריי.

ס׳מעג דיין לייב אָן מורא היינט שוין
אויפנעמען דעם לעבנס־זאָמען
און צעוואקסן ווי דער פרילינג
זיך צעוואקסט מיט צווייט און שטראָמען.

ווייל עס ווערט די פוילע וועלט היינט
איינגעבראָכן און פארשיט
פון די הענט פון פרייהייט־קעמפער
גייענדיק מיט זיכ׳רע שריט.

צו דער מענטשהייטס פרילינג־העלן
צו דעם נייעם לעבנס־בלי,
מיליאָנען ווייסע, שווארצע, געלע
ווארפן זיך אין קאמף און גלי.

ס׳זאָל נישט זיין מער קיין געזעצן
אויסצוווארצלען לעבנס־צווייט;
ס׳זאָל קיין שונא מער איינגעצן
זיינע הענט אין קינדער־בלוט,

ווי עס נעצן אין קאַרייע
זיך די יענקי־קאַניבאַלן
לויפן וועלן זיי ווי האָזן
פול מיט שרעק פון זייער פאַלן.

ס'פאַלק וועט אויף זיי קייטן לעגן
אויסגעשמידט פון קאַמף און נויט
ס'זאָל קיינמאָל מער נישט רויבן קענען
קיינער זייער צוקונפטס־ברויט.

זייער שונא איז אויך אונדזער
און אין קאַמף מיר זענען פריינט:
ווייל דעם זעלבן וועג מיר גייען
סטאַלין ווייזט אים און באַשיינט.

שענק אונדז נייעם שפּראָץ פון מאָרגן
חברטע, דו גוטע פרוי
ס'לאַנד און מיר, מיר וועלן זאָרגן,
זען אים וואַקסן, זען אים גרוי.

שענק דו פרוי, אונדז קינדער פילע
קינדער הייסט גייען פאָרויס
פאַר דעם לאַנד זיי הייסן צוקונפט
פרייד זיי הייסן אינעם הויז.

קינדער בלייבן דאָך אַן עדות
פון אַלצדעם וואָס מיר געטון
לערנען גייען מיר'ן א יעדעס
אויף בעסטע וועגן, — וועלט צעגליען!

צו די ייִנגע שרײַבער

קיין לאַנגער האַלט דײַן יוגנט הײַנט נישט מער אין קלעם
און ס'וואָרט דײַן מאַמע־לשון נישט דערשטיקט פון קיינעם
קוק זיך אַרום און זע פון וואָס דו שרײַבסט, פאַר וועם
און זע ווי גוטע פרײַנט ס'זענען דײַנע שכנים.

מיט שפּראַכן גלײַך קלינגט ייִדיש דאָ, אָן זיך צו שעמען
שלום־עליכם, פּרץ, ליגן דאָ נישט מער באַהאַלטן
ס'רופן פון וויטרינעס צו דיר זייערע נעמען
און בלעטער דיך פאַרבעטן מיט אָפן ברייטע שפּאַלטן.

דערפאַר זאָל אין דער וואָג־שאָל פון דײַן געוויסן
קיין צווייפל זיך געפונען ערגעץ ווו, אַן אָרט
(דײַן טאַטע האָט געפילט פון מורא נאָך די שפּיזן
און אָפט האָט בלוט פאַרשוויגן זײַן פּשוט עמך־וואָרט).

גיי אין דער ערשטער ריי און זיי פון פאָלק דער זינגער,
באַזינג זײַן פרייד און פרילינג, באַזינג די נײַע צײַט
און ווען עס שטרעקן שונאים אויס פאַרסמטע פינגער
האַק אָפּ זיי מיט דער האַנט, נישט רויק שטיי באַזײַט.

ערגער נאָך פון וועלף זיי שטייען אויף דער לויער
זיי אָטעמען מיט פײַער און נערן זיך מיט בלוט
זיי לעבן פון מלחמות און פון פעלקער־טרויער
געמישט מיט גאָלד און דאָלער, באַפוילן פון וואָל־סטריט.

זיי וואַך מײַן יונגער חבר, אויף אַלע דײַנע וועגן
און קלאָר זאָל זײַן דײַן ליד, ווי פון אַ באַרג דער קוואַל
זאָל אמת פון אים וואַקסן, ווי בלומען נאָך אַ רעגן
דעם כוח פונעם פאָלק צעטראָגן איבעראַל.

ניַשט פאַרגעס, מיַין חבר, אַ שריַיבער איז אַ לערער
און לערנען גליק דערגריַיכן אין אַרבעט איז זיַין חוב,
ס׳מוז דיַין פּען באַלויכטן ווי פיַינצטער איז און שווערער
און פרייד אַרויסגעפינען אין גייען באַרג אַרויף.

שריַיב פון סאָציאַליזם, פון קאַמף קעגן קריג
פון אַרבעטער, וואָס העלדיש איבער יאָרן טרעטן,
פון ברידערשאַפט פון פעלקער אין אונדזער רעפּובליק,
וואָס גייט אויף בעסטע וועגן באַלערט פון די סאָוועטן.

זינג, מיַין יונגער חבר, דו ביסט פריַי צו זינגען
ס׳קלאַפּן ניַשט קיין קייטן ווען האַלטסט אין האַנט דעם בליַיער,
זאָל דיַין וואָרט פאַר פריַינט ווי טרומייטן קלינגען —
און לאָז אויף וועלט קיין שונא אויפסניַי דערציַינדן ס׳פיַיער.

באפרײַונג

א נייער טאָג האָט אָנגעקלאַפּט אין חיימס ריינע שויבן,
אַרייַנגעשיקט די זאָרעס, זיין פּנים טון א גלעט
זיי זאָלן אים מיט פרישקייט פון זיין געלעגער הייבן —
אזוי, שוין א יאָר זעכציק מיט זיי זיך אָפּגערעדט.

. . . נאָר היינט, זענען די זאָרעס א ביסל שפּעט געקומען.
דער שלאָף האָט זיינע אויגן קיין רגע נישט פאַרמאַכט.
ער האָט געוואַרט די נאַכט זאָל זיך אין טאָג צערינען,
און אויגוסט 23, טרעפן זאָל אים וואַך.

וויאַזוי האָט ער געקאָנט דען, ליגן און נישט טראַכטן
צו אָט דעם טאָג דעם גרויסן וואָס האָט געבראַכט די פריי!
ס'איז זיין געבורטס־טאָג היינט דאָך — דורך מוטיקייט און שלאַכטן
האָט ווידער אים געבוירן די סאָוועט־אַרמיי אויפסניי!

ליגט ער אזוי און טראַכט, און ס'ירן אים די געדאַנקען
די שחיטה זיך דערמאַנען אין זיין שטעטל יאַס;
ער זעט דעם טויטן־צוג, מיט יאָמערן באַהאָנגען,
פאַרהאָרעוועט האָב און גוטס, זיך וואַלגערן אין גאַס.

אים האָט דער גרויסער ווייטעק פאַרנעפּלט
ער זעט זיין טרייע באָסיע מיט א זשאַנדאַר זיך שלאָגן:
א שטיוול פול מיט צוועקעס, האָט אויפגעשליצט איר מאָגן
און ס'האָט געקלאָנגט איר קול: „ווו זענען מיינע זין? ! . . .”

אין באָרד בלייבט שטיין א טרער אים: די זין זיי לעבןביידע,
ס'האָט יאַנקלען אויסבאַהאַלטן אין א סטויג היי
נאָטע־סטאָליערס שכן, טודאָר ספּענוס זיידע —
אין ווערקשטאַט ביי זיך מענדלען, דער שלאָסער יאָן מאַטיי.

„צומאַל פון אייגענע ברידער זענען בעסער גוטע שכנים",
דערמאַנט ער באַסיעס ווערטל — זי האָט רעכט געהאַט.
איי וואָלט זי זען געקאָנט אים, היינט מיט זיי איניינעם,
מיט אייניקלעך און שנורן ס'לעבן אויסגעשטאַט . . .

אין זעלבן הויז זיי וווינען, צעשיידט בלויז דורך א גאָרטן
— אָנקומען, חלילה דאַרף ער נישט צו זיי
ער אַרבעט ביי „טשיאַקאַנול" — פאַראַנטוואָרטלעכער איז ער
איבער א גאַנצער סעקציע, פון דער סטאָלעריי! —

דאָס שנירל פון געדאַנקען האָט זיך אים איבערגעריסן;
א וואַרעמער רוף פון דרויסן: „טאַטע ביסט שוין גרייט?"
— „אָט קום איך!" שפּרינגט פון בעט ער ווי א יונג לייכטפוסיק
פאַרסאַפּעט ווי א שילער, גלויבנדיק ס'איז שפּעט.

„כ'טו אָן זיך קינדער, כ'קום שוין" — (און כאַפּט א קוק אין שפּיגל
זען צי זיין גרויע באָרד, פאַרדעקט נישט דעם מעדאַל),
אים האָט באַקרוינט זיין אַרבעט, דאָס לאַנד מיט אָט דעם זיגל —
און לעבן, הערט ער רוישן אין טריל פונעם מעדאַל.

אין דרויסן אויף אים וואַרטן די קינדער אַלע זיינע —
ס'פלאַמען ווי די פאָנען זייערע געזיכטער,
און חיים פילט זיין שטאָלץ פון די אויגן שיינען,
ס'איז דאָך מענדל א גיסער און יאַנקעלע — א ריכטער!

אָט גייט שוין חיים סטאָליער. אים ביידע זין פלאַנקירן;
א וווּנק טוט זיי די פאָן, די רויטע פונעם הויז,
און זאַלבעדריט זיי אַלע צום מיטינג זיי מאַרשירן
די אייניקלעך מיט קינדער, מיט בלומען גיין פאָרויס!

צו זיינע זין זאָגט שטאָלץ ער: „אָט זין, אָט אַדאָס הייסט לעבן!
זיין א מענטש מיט אַלע, באַפרייט פון בעל־הבית!
פון לעבנס־בעכער טרינקען די זיסקייט נאָר — און פריידן,
פון חברים הערן: „בראַוואָ בון! אויף דער לענג פון שטראַז".

און ווי א שוואָם זאַפּט מענדל די ווערטער פון זיין טאַטן
— גוטע פריינט מיר האָבן דאָ אין לאַנד, האָסט רעכט!
ס'אומזיסט דעם שונא'ס לויער פון נאָענט און פון וויטן
צו פאַרלאָזן אונדזערע היימען און ווערן ווידער קנעכט.

עקשנותדיק — זאָגט יאנקל — מוז זיין דער קאַמף פאַר שלום;
צערייסן פאַלשע שמייכלען וואָס דעקן צו דעם סם.
עס זאָל נישט אונדזער לעבן קיינמאָל קיין מענטש פאַרכמען
דער שונא פון אָט דאָ און פון יענער זייט ים.

ס'פאַרקלעמען זייערע אָרעמס ווי רינגען אין א קייט זיך,
און אלץ פאָרויס צום לעבן פירן זייערע טריט;
דער יום־טוב רעשט אין גאַס זיך — א ליד אין לופט צעפרייט זיך
און צווישן גוטע ברידער זיי שפּרייזן אין דער מיט.

מיט ארבעט און מיט פאָנען זיי גייען דעם טאָג באַגריסן,
סטאַלינען באַדאַנקען פאַר זייער גליק און פריי!
און וואָרענען דעם שונא, אז קיינמאָל, זאָל ער וויסן,
וועט נישט קאָנען ער צערייסן די פרייהייט אויפסניי!

קום קעמף פאר שלום

(פריי, נאָך דעשליו'ס „אין נאָמען פון לעבן—שרייב אונטער!")

באשריבן מיט נעמען פאר מיר ליגט דער בויגן,
דער ווילן דעם שלום דערגרייכן,
נעם די פען איך אין האנט מיט לויכטנדע אויגן
און גוט זיך באטראכט און גוט אָפּגעוווינגן
פאר שלום און לעבן איך צייכן!

יעדער נאָמען א זיגל וואָס זיכערט דעם זיג
באוויזט אונדזער כוח און שטארק
געווארן זיי זענען אקעגן דעם קריג
פאר וואָל־סטריטס באנקירן מיט שפּיזן אין בליק
א טויט־שלאָג אין חזירישן קארג!

מיינט נישט הענקער פון לעבן און סוחרים פון טויט
מ'קען פעלקער ווי פעלד־מייז פארסמען,
אין אונדז קאָכט דאָס בלוט אקעגן דער נויט,
פאר ליכט און פאר פרייהייט, פאר ליבע און ברויט
אקעגן דעם שטראָם פון אטאָמען!

הערט אויס איר מערדער פון קינד און פון קווייט,
פון זון און פון שטערן איר שונאים
מיר זענען אויף דר'ערד נישט צעזייט און צעשפּרייט
מיר זענען דער ערד־קויל—לייענט די בויגנס און זעט
מיר זענען הונדערטער מיליאָנען.

און איר אָפּגעקויפטע פון וואָל־סטריט לאקייען
טיטאָ, בן גוריון, פארעטער!
מיר לאָזן קיין קראנקע געדאנקען פארזייען
דאָ ווי אויף פעלד, ביי מאשינען מיר שטייען
אייך אקעגן, אויף זיכערע ערטער!

פון פאראייזטן אלאסקא די עסקימאָסן
ביז אין גלי פון עקוואטאָר די נעגער
צייכנען מיט קייטן אויף הענט אויסגעגאָסן
פאר שלום, פאר פרייהייט, כאָטש אייערע פארדראָסן
און גרייטן צום טויט אייך ס׳געלעגער.

הערט אוים איר חברים פון גלויבן און לעבן
אָן אונטערשיד פון פארב און פון ראַס,
נישט מאָנט נאָר דעם שלום און גאָרנישט צו געבן
ארבעט און קעמפט אייער כוח זאָל שוועבן
אקעגן דעם שונא מיט כעס.

פון ניו־יאָרק ביז בערלין, הערט אינוואלידן
מיט קערפּער געטראָגן אין שטורעם אין פייער
צייכנט די בויגנס פאר פרילינג און פרידן
רומענער און דייטשן, פראנצויזן און יידן
פאר שלום זיים זעלנער געטרייע.

פון אָראדור־סיר־גלאַן, הערט איר אלמנות
הערט, פארצרהטע אלמנות פון יאם
אינעם נאָמען פון טויטע קעמפט אָן רחמנות
קעגן דעם שונא וואָס גאַרט נאָך קרבנות
און שפּייט מיט סם מיט קוילן און האַס.

פון שפּאניע און טראנסניסטריע קומט איר יתומים,
לערנט ! פאר שלום ווערט שטארק און ווערט גרויסע,
אייער לעבן וויל וואָל־סטריט ווידער פארצוימען,
פארטונקלען דעם הימל, פארשפּארן די רוימען,
ווערט זאַיאַס און ווערט קאָשעוואָיס !

שטארקער די ברוסטן ביי אונדז פון בעטאָנען,
שטייען אקעגן מאָרד און פּאָגראָם
ביי אונדז דער אטאָם איז דער פריינט פון מיליאָנען
דער חבר פון ארבעט, פון פלאַטער און פאָנען
פאר לעבן ביי אונדז דער אטאָם !

קום פויער דערוואכטער, קום שטילער שאכטיאָר
קום שניידער מיט דיין נאָדל און שער,
קום שוסטער און דו וואָס פירסט אָן דעם טראקטאָר,
קום וועבער און סטאָליער, פּאָעט און אקטיאָר
מאכט פון געציינגן, פאר שלום געווער !

עס פירט אָן דעם קאמף דאָס לאנד פון סאָוועטן
פון סטאלין דעם גרויסן באהעלט
אין אים איז דער גלויבן דעם שלום צו רעטן,
עס זאָל קיינמאָל מלחמה אויף לעבן מער טרעטן,
פאר שלום און פרייד אויף דער וועלט !

די באלאדע וועגן צבי עלנער

אין לאנד ווו דער סאמום די אויגן פארקלעבט
דאָרט האָט א בחור צבי עלנער געלעבט,
גענארט האָט זיין יוגנט נאָך שלום און מאי
אין לאנד ווו בן־גוריון פרווט קוילען די פריי,
ווו צוקונפט פון פעלקער וואקסט אוים ווי א פלאם
איבער פאָנען פון דאָלאר און טייכן פון סם.

געפלאמט האָט צבי עלנער נאָך ביכער און ברויט
געבראכט האָט בן־גוריון נאָר שיפן מיט טויט
צו טויטן דעם גאָרטן פון שלום און צוויט
דעם זאפט פון דער צוקונפט פארבייטן מיט בלוט.

געהערט האָט צבי עלנער: אויף אנדערע ברעגן
שטעלן זיך מענטשן דעם פייער אנטקעגן
ס'זאָל ווידער נישט ווערן דאָס לעבן פארברענט
פון וואָל־סטריטס פארקרעציקטע, בלוטיקע הענט.

באשלאָסן האָט צבי: — ווען אויך טויטן מען זאָל אים,
דערפולן זיין פליכט מוז ער — א קעמפער פאר שלום
חתימות וועט זאמלען ער אויף א בויגן
חתימות פאר שלום וואָס ברענען די אויגן
דער וועלט פון מלחמה ווו פייער און פלאם
באווייזן: נישט טויט איז דאָס פאָלק ווי דער טויטער ים.

פון גלויבן באקרוינט געגאנגען איז צבי
ביז שפעט אין דער נאכט, פון מאָרגן אין בלי
פון שטיבל צו שטיבל, צו טיר און צו טויער,
חתימה פאר שלום הייסט לעבן אויף וועלט
הייסט שונא באקעמפן וואָס הרג'עט פאר געלט.

שוין האָט ער געזאַמלט צענדליקער בויגנס,
די זון האָט באַזוימט זיין פרייד אין די אויגן . . .
. . . נאָר ס'האָט זיך דערוווּסט אין א טאָג פּאָליציי
פון דעם, און נאָך עלנער געיאָגט האָבן זיי . . .

געכאַפּט אים, געשלאָגן מיט ביטערע שלעג,
צעריסן די בויגנס מיט אַנגסט און שרעק,
און ווידער געשלאָגן צבי עלנער אין קאָפּ,
געמיינט אז דעם קאַמף מיט שלעק מען שטעלט אָפּ,
געצאָרנט, געדונערט, געקריצט מיט די ציין:
מיר וועלן דאָס לעבן מיט טויט דיר דערגיין.
האָט צבי'ען דאָס פּנים א שמייכל צעצויגן
און גרויס האָט געעפנט ער זיינע אויגן:
— ס'איז ליב מיר דאָס לעבן און כ'האָב עס געשטעלט
אין קאַמף פאַר פרייהייט, פאַר שלום אויף וועלט
און כאָטש איר וועט לעגן מיין לעבן אויף שווערד
זייט וויסן דער שלום וועט זיגן אויף דר'ערד.

אים האָבן די פויסטן די אויגן פארמאַכט
געוואָרפן זיין לעבן אין אָפּגרונט פון נאַכט.
עס רעשן און ליארמען בן גוריונס וועכטער
הײנט אין ישראל מיט קול פון געלעכטער.

זיי מיינען דער אָפּגרונט האָט צביען פארשלעפּט
זיי האָבן א טעות ער אָטעמט און לעבט
אין צאָרן פון דערפער, אין חיפה'ס דאָקערן
און איבעראַל דאָרט וווּ דאָס לעבן ווערט שווער.

זאָל בן־גוריון נישט מיינען אז פייער און שטאָל
וועט קאָנען פארשטומען פון שלום דאָס קול
דאָס קול פון פאָלק, דאָס קול פון דער וועלט
טויטן מען קאָן נישט ווי — א מענטש אין געצעלט.

ווייל ס'לעבט און וועט לעבן תמיד צבי עלנער
אין הערצער מיליאָנען פון שלום די זעלנער
די זעלנער וואָס שניידן בוריאַנעס פון טויט
אויף פעלדער פון לעבן פאַר שלום און ברויט.

איר גרייט זיך צו מלחמה?!

(צו די שונאים פון שלום)

איר גרייט זיך צו מלחמה?!
מיר ווייסן עס גענוי —
עס שרעקט די נייע וועלט אייך
וואָס פאַרטיקט זיך אין בוי.

עס שרעקן אויך די הענט אייך
וואָס קרייצן זיך אין שטרייק
די מאַסן וואָס צעוואַליען
ביי אייך די גילד'נע שטייג.

די מיידלעך וואָס זיך וואַרפן
פאַר צוגן פול מיט בליי,
די יאַטן וואָס זיך שלאָגן
פאַר לעבן און פאַר פריי.

די מאַמעס וואָס דערצויגן
זינען פאַר דעם זיג,
די טאַטעס וואָס פאַרזיכט שוין
די ביטערקייט פון קריג

ווי א ביין אין האַלדז די לענדער
פון פאָלקס־דעמאָקראַטיען
זיי שטיקן אייער אָטעם:
די לאַפּעס זיי אייך ברין.

עס אַרט אייך וואָס מיר לערנען
פון סטאַלין און סאָוועט,
סאָלווירטן בויען, וועלדער
מאַטאָרן, נייע שטעט.

איר פילט ווי אונדזער אויפשטייג
ברענגט אייך דעם צעפאל
דערפאר ווילט איר מלחמה
און וווייעט ווי א שאקאל.

פון אונדזערע דערפאָלגן
איר זעט און פילט און הערט
מיר זענען שוין א דריטל
אויף דער גאָרער ערד.

אונדז שרעקט נישט קיין מלחמה
דער וועלט דאָך שוין באוויזן
סטאלינגראד, בערלין, שאנכאי,
געבוירן האָבן ריזן.

מיר רופן וועלט צום שלום
צו בויען זיך דאָס גליק
געלויבט דער קאמף פון פעלקער
וואָס קעמפן קעגן קריג!

שבתי לייב און די וואלן

שבתי לייב דער אלטער סטאָליער
מיט די ברילן אויף דער נאָז
זיצט פארטראכט איבער א צייטונג.
וואָס־זשע לייענט ער דאָרטן, וואָס?

נאָך געשמאקער היינט פון תמיד
אין דער האנט מיט א „קארפאַץ" *)
און ער זעט נישט און ער הערט נישט
ווי דער אָוונט מאכט זיך פלאַץ.

טראכט אין קיך זיין ווייבל לאה
איך וועל פשוט שרייען געוואלד
ס'איז די וועטשערע געוואָרן
היינט צום דריטן מאָל שוין קאלט.

קומט זי נ'שטוב אריין און זאָגט אים:
— לייענען, וויפל איז דער שיעור?
— שריי נישט לאה, זאָגט איר שבתי
קום אהער און לייען מיט מיר.

ועסטו זען אז דאָ די ווערטער
זענען טייערער פון גאָלד
צוליב זיי מעג היינט דאָס יאכל
ווערן הונדערט מאָל נאָך קאלט.

*) דער נאָמען פון א ציגארעט

ווישט זי אָפּ זיך אינעם פאַרטעך
בייז און נייגעריק די הענט
און כאַפּט אָן דווקא די צייטונג
ווי דעם קיגל ווען ער ברענט.

און זי לייענט אין בלאַט די שורות
אין איין אָטעם דורכאַנאַנד:
— ס'וועלן אין דעצעמבער 3־טן
וואַלן פאָרקומען אין לאַנד.

ווײַלט די בעסטע זין און טעכטער
צו די פאָלקס־ראַטן היינט אויס
היטן וועלן זיי דעם שלום
פרייד זאָל זיין אין יעדן הויז.

שלינגט די שורות זי ווי האָניק
— ווייסטו שבתי, ס'איז נישט שלעכט,
אויב דערפאַר האָסט נישט געגעסן
ביסטו, כ'גלויב געווען גערעכט.

— לייען נאָר ווייטער, לייען נאָר לאה
וואָס זיי שרייבן אינעם בלאַט
אַז א ייד א האָרעפּאַשניק
ווערן קאָן א דעפּוטאַט.

ווייסטו וואָס דאָס הייסט דען אשה
ווייסטו ס'אַרא גליק דאָס איז ?
אַלע פעלקער גלייך אין רעכטן,
נאָר דעם שונא נ'האַרץ א שפּיז.

איך דערמאָן זיך נאָך ווי נעכטן
אין די וואַלן מיט די קלעפּ
שטעקענעס פלעגן זיך ברעכן
איבער אַרבעטאָרערס קעפּ.

נאָר געגווידערט האָט זיך גאָלדמאַן
דער גביר דער אנגראָסיסט
און בארימט זיך און געלויבט זיך
אז ער איז א „צאראניסט".

אז ער וועט דאָס פאָלק פארטרעטן
צוגעזאָגט עס צוקערזיס,
און געטרעטן נאָך די וואלן
ס'פאָלק אליין מיט זיינע פיס.

היינט אָבער וועלן אונדז פארטרעטן
פונעם פאָלק די בעסטע זין
און די שונאים אויף להכעיס
וועט דאָס לעבן זיך צעבליען.

האָט צעפלאמט זיך שבתי סטאָליער
לאה האָט געהערט פארטראכט,
און אין מיט פון זיינע ווערטער
האָט די טיר זיך אויפגעמאכט.

ס'איז צו גאסט צו אים געקומען
זיין בן־יחיד דוד־בער
א געזונטער, יונג, א שיינער
פון א יאָר שוין אינזשינער.

האָט באגריסט ער טאטע־מאמע
וועגן וואלן זיך צערעדט
און געפרווט שבתי'ען אויפקלערן
כאָטש דער זייגער האלט שוין שפעט.

— מיך באדארפסטו נישט אויפקלערן
טוט א קוק ער אויף אים שיף,
כ'בין דאָך אין א „טשערק דע סטודי" *)
ביי אונדז אין קאָאָפעראטיוו.

*) שטודיר־קרייז

און געשמייכלט: הער דו חכם
ס'איז אומזיסט פשוט דיין מי,
כ'האָב געלייענט און כ'האָב פארשטאנען
הערסטו חכם, פונקט ווי דו.

און איך ווייס נאָך אז דער גאָלדמאַן
וואָס געווען א צאראניסט
איז געוואָרן היינט א גרויסער
יידישער נאציאָנאליסט.

זוכט משרתים היינט זיך נייע
פונקט דערזעלבער ווי אמאָל
פאר די גערטנער און פאבריקן
וואָס ער האָט אין לאנד ישראל.

וואָס־זשע זאָגסטו, שיינע איינער
ס'קאָן דיין טאטע פאָליטיק?
טוט זיך שבתי א גלעט אין בערדל
ווילייגניש מיט העלן בליק.

כ'קען מיין וועג, מיין דוד־בערל,
און איך ווייס וואָס כ'האָב צו טון
פאר די ראטן דארף איך ווילן
ס'הייסט פון לאנד, די בעסטע זין.

בערל שניידער און דער וועלט-קאָנגרעס
פון די שלום־פּאַרטיזאַנער

אין קאָאָפּעראַטיוו ביים שניידער־טיש,
זינגט דער שניידער בערל,
און ווי א הירשל לויפט אַרום
אויפן שטאָף זיין שערל.

אַרום אים, די ניי־מאַשינען
טאַנצן אַלע מונטער —
און דעם ניגון פון דעם ליד
האַלטן די חברים אונטער.

א פרישקייט אָטעמט אינעם ליד,
וואַרעם, פול מיט לעבן ;
און פון פּרעסלעך כמאַרעס פּאַרע
צו דעם פענצטער שוועבן.

א רגע קוקט זיי בערל נאָך
און לייגט אוועק זיין שער —
און זעט, אויף שויבן האָט דער האַרבסט
שטיל געלאָזט א טרער.

ער דערמאָנט זיך אין אַמאָל
ווען בלעטער פלעגן פאַלן —
און ער פלעג לויפן צום בעל־הבית,
אין צעריסענע סאַנדאַלן.

אין קעשענע מיט א שטיק ברויט —
אָן אויסגעדאַרטס, א שוואַרצס ;
דער הונגער האָט אים בלייך געמאַכט,
און גענאָגט זיין האַרץ.

פאר א פּאָר ליי פּלעג ער אמאָל
ארבעטן ווי דריי —
און קיינמאָל האָט א מלבוש ער
געמאכט זיך פון שניידעריי.

— כ'האָב היינט מיין היים,
מיין ארבעט און צום ברויט —
און נאָר זכרונות האָב איך נאָך,
פון טרערן און פון נויט!

מיין ווייב, געזונט זאָל זי מיר זיין,
זי קאָכט אין א קאנטין
אין אינסטיטוט מיין טעכטערל
שטודירט מיר מעדיצין.

מיט גיצען בין איך אין פארמעסט —
כ'געווין אים אויך צומאָל —
און כאָטש דער שונא שושקעט מיר,
איך פאָר נישט קיין ישראל!

— ניין! דאָ איז מיין היים. —
און וואָלט איך נאָר געקענט
וואָלט איך זי ארומגענומען
אינגאנצן מיט די הענט.

היינט גיבער נייט מיין ניי־מאשין
און גיבער ווערט דער שטאָך;
דער שלום וואקסט ארויס פאר אונדז
פאר שונאים וואקסט דער בראָך!

דער שלום איז מיר ווי דאָס ברויט
און ווי דאָס לעבן טייער;
און ווייַ צו דעם וואָס וויל מיין הויז
ברענגען אויפן פייער.

ווי אין קאַרייע, ווו דער מענטש
ווערט אויסגעמישט מיט ערד —
און ווו דער תליון פון וואָל־סטריט
סינדער שניידט מיט שווערד.

וויאזוי — טראכט בערל — זאָל איך היינט
באגעגענען דעם קאָנגרעס ?
(רייבט זיך דעם שטערן מיט דער האַנט)
— אוודאי מיט פאַרמעסט !

און צו חברים זיך געווענדט
געשטראַלט פאר פרייד און גליק :
— קעמפן ווילט איר, טאָ זאָגט עס מיר
פאר שלום, קעגן קריג. ?

האָט אויסגעדונערט ווי איין קול
פון צענער ברוסטן : „יאָ" !
אויב יאָ, זאָגט בערל, הערט וויאזוי
מיר וועלן קעמפן דאָ.

זאָלן בערג פון אַרבעט זיך דערהויבן
לכבוד דעם קאָנגרעס —
און יעדער איינער נייער טאָג
זאָל וואקסן אין פאַרמעסט.

האָבן ניי־מאשינען זיך צעשפּילט
צעזינגען זיך די שער —
און יעדע האנט האָט איינגעשפּאַרט
געצוווּנגען זיי צו מער.

און בערל האָט א קוק געטון
אויף דער וואנט, צום בילד אין ריימל
צופרידן האָט געשמייכלט אים —
סטאלין פונעם קרעמל.

הערשל שלימעס

וועןדי זון פֿארמאכט די אויגן
און שלאָפֿט איין אין שוים פֿון ערד
ווינטשן גוטע נאכט סירענעס
און הערשל טאָקער, הערט זיי, הערט.

שטעלט ער אָפּ זיין שיינע דרייבאנק
פּוצט זי, מאכט זי שפּאָגל ניי
ערשט נישט לאנג מען האָט געבראכט זי
פֿונעם לאנד פֿון וואָרער פֿריי.

אזוי האָט וואסילע שערבו
אים געלערנט און באשטימט;
א מאשין באדארף מען היטן
ווי א מאמע היט א קינד.

אלט איז הערשל טאָקער, הערט איר
נישט קיין פֿולע אכצן יאָר
נאָר א קאָפּ האָט ער קיין עין הרע
ווי א גרייזן מיט גרויע האָ.

ווען פֿארנאכט ער גייט אין געסל
עפֿנט טויער זיך און טיר
שטעלט זיין מאמע — ארוים צווויי פֿייגן.
— קיין בייז אויג זאָל שאטן דיר.

— דאָס איז הערשל? פֿרעגט א שכנה —
כ'האָב אים ממש נישט דערקענט
— ס'איז א הערשל! זאָגט א צווייטע —
ר'האָט דאָך גאָלדענע צוויי הענט.

— ברענגט פרנסה ווי א גרויסער
— איז נאָך שיין דערצו און קלוג
— א מין מזל אויף דער שלימע
— א בן־יחיד — אן אנטיק.

ווער דען, קען הערשעלען נישט ליידן,
רעב מרדכי גאָרגל דער גביר
ווייל ער קאָן אים נישט אויסנוצן
ווי זיין טאטן מיט יאָרן פריר.

אָט דערפאר פרווט ער פארפירן
הערשלען פון זיין נייעם וועג,
ווייט פארווארפן נע־ונד אים
ערגעץ אויף א טויטן ברעג.

הערשל אָבער איז א בחור,
אויף אונדז אלע אזא יאָר!
גאָרגלען זאָגט ער: — כ׳האָב געפונען
דאָ דעם העלן וועג פון וואָר.

און פון לעבן זאפט ער כוח
היינט נישט קלעפּ גאָר ווי אמאָל.
און דאָס צווייטע יאָר ער לערנט
האיאָר שוין אין אָוונט־שול.

שלעכטע שכנים ניט פארגינען
אנדרע ווינשן אים געזונט
ס׳פּלאגט געווג זיך אָן א מאמע
ביז זי כאָוועט אויס א קינד.

— ווער האָט אים דעם וועג געוויזן?
פרעגן אַלע שלימען זיי —
— הערשל זאָגט מיר און איך גלויב אים
אַז די אַרבעטער־פּאַרטיי.

— זאָל זי לאַנגע יאָרן לעבן!
זאָגט איר בראַנע, און נאָך מער —
וואָס וועט אָבער הערשל ווערן?
ענטפערט שלימע: — אַן אינזשינער!

דער טאטע שרייבט מיר ווידער היינט א בריוו

א
יך שרייב דיר ווידער היינט א בריוו,
נו זיי נישט ברוגז, וועמענ זאָל איך שרייבן?
צי קען א פרייד וואָס וואקסט ארויס פונ טיף
ווי א דימעט אין דער ערד פארגראָבן בלייבן?

דו טראכסט מסתם, כ'האָב א געשעפטעלע געמאכט
בא נעאָרגע א מציאה אָפגעקויפט צוויי קעלבער
ניין, דאָסמאָל זונעניו, דו האָסט דיך שלעכט פארטראכט,
דער טאטע, שטעל דיר פאָר, איז היינט נישט מער דערזעלבער.

ס'האָט אין שטעטל זיך א קלאנג צעבליט,
זאוואָדן און פאבריקן נעמען מענטשן אויף, אויף זיי צו לערנען,
נאָר ווו, ווו האָט מען עס געהערט א ייד
זאָל א מלאכה אָנהויבן ביי פערציק יאָר צו לערנען?

נאָר דיין מאמע, הער, דו קענסט זי דאָך,
ז'איז א געראָטענע קיין עין־הרע און א פלינקע,
זי האָט א לונגן־פעלער מיר געמאכט א גאנצע וואָך
איך זאָל אויכעט גיין — דו ווייסט, ז'איז תמיד דאָך געווען א לינקע...

גיי דו, האָב איך איר געזאָגט, גו גיי,
איך בין שוין אלט, מיין קאָפּ א קנויל מיט שטריק
ביי מיינע יאָרן, זאָג וואָס טויג עס מיר אצינד
גיי געזונטערהייט, אליינ אין דער פאבריק.

האָרכסטו, דוקא האָט זי מיך געהערט
און איז אוועק: — מיטגענומען כמעט אלע שכנים,
ווי יונגוואַרג האָבן זיי געהופּקעט אויף דער ערד,
פארחידושט זענען שטיין געבליבן און געגאפט די זקנים.

— דו שעמסט זיך נישט, ביסט יונג און שטארק,
זיי האָבן מיר געזאָגט, צי אפשר ווילסטו כוח ביי אונדז באָרגן?
איך האָב געפילט מיר אויסוואקסן אין האלדז א בארג
און זייער געלעכטער האָט ווי טרערן מיך געוואָרגן...

נאָר אין א טאָג עס קלאפּט ביי מיר אין טיר
כ'עפן, אויף דער שוועל מיין שכן, מאטעי דער אייזנדרייער!
איך בעט אים אריין, ער זעצט זיך לעבן מיר
און רעדט מיר שטיל און אָפנהארציק, ווי ס'רעדט נאָר א פּארטייער.

ער רעדט פון ארבעט און פון ליכט,
(דערמאָנט מיך אויך אין חושך און אין כמארנע יאָרן)
מיין גאנצע צוקונפט כ'האָב געזען אין זיין געזיכט
און זיינע אויגן האָבן מיר געזאָגט: ביסט ווידער ניי געבוירן.

פון זיין מויל עס האָט צו מיר גערעדט דאָס גאנצע לאנד —
און ווי דער ווינט צעטרייבט דעם גרויען רויעך
האָט ער צעטריבן אין מיר, דעם צווייפל און די שאנד
און כ'האָב געפילט דעם אמת שטאָלן מיר דעם כוח...

כ'וועל גיין אין זאוואָד, האָב איך געטראכט, און בין געגאנגען
אָנהויב אויסגעהייצט א קעסל, צוגעגרייט די פאָרמען,
און ס'האָט זיך אין מיין הארץ צעגליט א היים פארלאנגען,
ווי טויזנטער חברים זיך צו פארמעסטן מיט די נאָרמען...

געבעטן דער דירעקטאָר פון זאוואָד
האָט דורך צוויי חברים געלאָזט מיר טון צו וויסן
אז נאָכן אָנביים וועל איך טון דעם ערשטן טראָט
און אָנהויבן דאָס שטאָל אליין, ווי ווייסן שוים־וויין גיסן.

הערסטו, איך פיל אצינד ערשט אז איך לעב,
(כ'האָב קיינמאָל נישט געגלויבט אז לעבן קאָן זיין גיסעריי)
היי זונעניו, כ'וועל פארקאטשען מיר די ארבל, גלייב,
און ארבעטן געטריי צו שטארקן דאָס לאנד און די פּארטיי.

איך שרייב דיר ווידער היינט א בריוו
מיין לעבן פלאמט, דאָס שטאָל עס טוט זיך גיסן —
איך האָב דאָ פרייד ארויסגעגראָבן פון דער טיף
און לאָז דיין פען און דיין פּאפּיר, דער וועלט זי טון צו וויסן.

הער אויס מיך, מיין חבר!

ברודער מיינער, שכן מיינער,
גוטער הארץ־פריינט, חבר מיינער,
קוק אריין אין דיין זכרון!
אין א ווינקל ליגט באהאלטן
דאָרט, אן אלטער פּאק מיט ווייטיק,
איינגעוויקלט אינעם ליילעך
פון נישט וועלן זיך דערמאַנען!
נעם צעריים עס מיט דיין כוח —
קוק אריין
און קום דערציייל מיר
ווי אן אייגענעם גוטן ברודער,
וואָס האָט ביי דער ברוסט פון צייטן
גלייך מיט דיר זיך אָנגעזויגן
מיט דער ביטערער מילך פון ליידן!
קום, מיין ברודער, כ'וועל דיר העלפן
אויפצובלעטערן דיין זכרון,
אז געפינען זאָלסט דעם אמת
אינעם קנויל פונעם פארגעסן
זע מיין ברודער, זע מיין שכן:
דאָרטן ליגט דאָס אלטע געסל
מיט האָרבאטע, קליינע הייזלעך
און מיט קרומע, שווארצע פענצטער;
דאָרטן האָבן אונדזערע טאטעס
אויסגעקוקט זיך זייערע אויגן,
פון די קלייטלעך, נאָך א קונה . . .
דאָרטן האָבן מיר געפילט
שוין דעם ערשטן הארבן קאנטשיק
שפּרינגען אויף אונדזערע יונגע פּלייצעס
פון דער האנט פון אלטן בעלפער . . .

קום מיין חבר, קוק נאָר איין זיך,
און דערמאָן זיך, ווען מיר האָבן
אויסגעמאָסטן ס׳גאַנצע שטעטל;
ווען די מאַמע פלעג אונדז שיקן
לייען ביי רב וואָלף דעם נגיד,
צי ביים ארענדאר, הער ווײנער,
בלויז א דרייערל אויף שבת . . .
זייער שטוב האָט זיך, די גאַנצע,
אין „עלעקטריקע" געבאָדן
און אויף טישן וויים־געדעקטע
האָט געגווידערט זיך די חלה . . .
און קרישטאָלענע אויפוואַרטערס
האָבן פול מיט גלאַנץ געטראָגן
ברוינע שטיקער האָניק־לעקעך,
וואָס געריבן זיך אין יחוס
פונעם גראָבן, ניסן־פלאָדן . . .
אָפּגעזאָגט האָבן זיי אונדז ביידע
מיט א שמייכל אויף די ליפּן —
און געפרעגט אונדז, ווער ס׳וועט האפּטן
פאַר דעם דרייערל אויף שבת?
אזוי זענען מיר איינינעם
ביידע זיך אהיימגעגאַנגען
און געטראָגן אין די הענטלעך
בלויז די טאָרבע פול מיט ווייטיק
און מיט שנאה אָנגעפולטע —
און נישט געפילט דעם בליי פון רעגן
אויף די רעקלעך זיך צעגיסן,
נאָר געפילט ווי ס׳טוט דאָס געסל
אָן אונדז שווערע שיך פון בלאָטע;
ביי דער שוועל האָט אונדז די מאַמע
מיט די אויגן, פונעם הארצן
שטיל געפרעגט, ווי ס׳פרעגט א מאַמע,
צי דעם דרייער מיר געבראַכט איר?
היינט פארשטיי איך אירע טרערן,

וואָס געקייקלט זיך ווי קרעלן
אויף איר אַלטן, גרויען פּאַרטעך . . .
ס'האָט די מאַמע נישט געוואָלט אונדז
זאָגן, אַז די ציין פון הונגער
האָבן אויפגעפרעסן נ'שטיבל
ס'לעצטע, דאַרע שטיקל ברויט שוין,
כאָטש דער פּויער יאַן אַל פּלאָרי,
וואָס געוווינט מיט אונדז אין שכנות,
פּלעג צומאָל אונדז נאָך אַביסל
פון זיין אָרעמקייט אָפּרייסן
און עס ברענגען בגנבה, —
ס'זאָל חלילה נישט דערוויסן
זיך דער גוט־באַזיצער גרויא,
אַז ער האָט אין נויט געהאָלפן
מאַמע אים, דעם „זשיד", דעם „פרעמדן",
אין זיין אייגנטום — „זיין שטעטל".
אַזוי זענען אונדזערע יאָרן
שווער געקראָכן ווי די שלאַנגען
צווישן וועלדער פול מיט צרות,
צווישן אַש פון טרויער . . .
אָבער דאָרט, וווּ ס'בליט די זון אויף,
האָבן שטורמיש זיך געגאָסן
אַלע וואַסערן פון ליידן —
און דערטראָנקען האָבן אויף אייביק
אי דעם צאַר, אי די פּאַלאַטן,
אי די הערשאַפט פונעם חושך!
כאָטש דער האַרבסט האָט אָפּגעריסן
פון די ביימער אַלע קרוינען,
ווי דאָס פאָלק האָט אָפּגעריסן
פון דעם צאַר די גאָלדענע קרוינען,
האָט דער פרילינג זיך צעבליט דאָרט!
פון דער וועלט דער שענסטער פרילינג!
נישט מיט קנאָספּן, נישט מיט בלומען,
נאָר מיט פייער־רויטע פאָנען

וואָס געטראָגן אין די פּאָלדן,
די שוין־לאַנג נעגאַרטע פרייהייט. —
און זיין אָטעם האָט געשפּריים זיך
איבער וועלטעלעך און וועלטן,
און צעשויבערט די געמיטער
אויך ביי אונדז אין שטומען שטעטל!
אין דער צייט, מיר זענען ביידע
אויסגעוואַקסן, גרויס געוואָרן,
אינעם זעלבן אַלטן שטעטל,
מיט האָרבאַטע קליינע הייזלעך,
וו דער קאַנטע האָט געצאַנקען,
צי דער קנויט פון אַכטער־לעמפּל,
און פאַרסאַזשעט אונדז דאָס פּנים,
און די לונגען, און דאָס לעבן . . .

דו, מיין חבר, האָסט געעפנט,
ווי דיין טאַטע, זיך אַ קליימל,
און גענומען זיך צום האַנדל —
די נשמה צו דערהאַלטן.
כאָטש מקנא ביסט געוועזן
משה ראָזנערן, דעם בלעכער;
האָסט מיט קאַלך צוגעהאַנדלט,
מיט לאַדינעס, זאַלץ און פאַרבן,
און דער רווח פלעג נישט קלעקן
פאַר די קינדערס מאַמעליגע,
און דאָס שטעטל איז אַלץ קלענער
און האָרבאַטער נאָך געוואָרן,
און געטראָנקען זיך אין בלאָטע
און אין גרויסן ים פון חושך,
וו דער נגיד גאָר, הער ווייגער,
מיט דעם נגיד וואָלף, זיין חבר,
האָבן אויסגענאָגט דעם מאַרעך
פונעם שטעטל, פון די מענטשן!
פון דעם שטעטל כ׳בין אַוועק,
און געגאַן צו פריינט און ברידער,

זוו די פעלדער און פאבריקן,
ווו דאָס ליכט וואָס שוימט אין דראָטן,
און צעשפּאָלט אין צענער פארבן
זיך, אין טאַוונעס פון קרישטאָלן!
דאָרט, האָב איך געלערנט, שכן,
אז נישט גאָט האָט אַלע אוצרות
פון דער וועלט, פארטיילט, פארשאָנקען
פאר די נגידים און בעלי־בתים!
דאָרט, האָב איך געלערנט, ברודער
אז מען קאָן די ערד באצווינגען
זי זאָל געבן דעם וואָס ארבעט
אי די פירות פון די גערטנער,
אי די אוצרות פון די בערג,
אי דאָס ליכט וואָס ליגט באהאלטן
אין דעם כוח פונעם וואסער!
געווארפן האָבן זיך די שונאים
ווי די שלענג מיט זיבן שארבן
אויף דעם גרויסן לאנד פון מזרח —
געוואָלט בייסן און צערייסן
אַלע פירות פון גיי־לעבן!
זענען פעלקער, וואָס פארזוכט שוין
פונעם רויטן וויין פון פרייהייט,
אויפגעשטאנען און געלאָזט זיך
אינעם קאמף פאר פריי און שלום!
און געשלאָגן און צעשניטן
די באפאלנדיקע שלאנגען
אויפן וועג צו זייער נאָרע!
האָבן זיי דאָס היימלאנד אונדזערס
אויך ארויסגעריסן דעמלט,
פון די נעגל פונעם אומקום
און באפרייט אונדז און געשאָנקען
אי דאָס גליק פון ווייטער־לעבן
אי דעם קוואל פון זייער לערע,
זיך דעם דורשט נאָך גליק צו שטילן.

היינט, קום איך צו דיר מיין שכן
אויף א נייעם וועג א העלן,
באַטש צעריסן האָט די צייט אונדז
אויף א צייט, ווי א שנירל קרעלן . . .
לעבעדיק איז היינט דער וועג שוין,
נישט קיין לעבער, באַלאַוואנעס
ליגן פויל מער אויף די וועגן!
לעבן אָקסן פאר די קארעס (*
יאָגן אויטאָס מיר אנטקעגן
און צוויי שורות יינגע ביימלעך
אויף די קעפּ מיט גרינע היטלעך
קומען מיך, דעם גאסט באגריסן . . .
און א ווינטל אויף די פעלדער
פלעכט דעם קאָרנס געלע צעפּלעך;
אלץ איז ניי, זע דאָס שטעטל
קומט מיר אויכעט שוין אנטקעגן
אין די הענט מיט נייע קלייטן
פון מלוכה אויפגעבויטע,
פול מיט סחורות און מיט פרישקייט
און מיט פרייע וויטרינעס!
זעסט מיין חבר ווי די מענטשן
קאָנען צייט און מענטשן בייטן?
וואָס־זשע טראָגסטו נאָך דעם זשאַווער
אויף דיין הארץ פון אלטע צייטן?
קום ארויס און זע דאָס לעבן
ווי עס שטייגט אויף טרעפּ פון יאָרן;
בלינד איז דער וואָס וויל נישט זען
אויב ער האָט געזונטע אויגן!
דו באקלאָגסט זיך ס'איז דיר שווערלעך,
האָסט אזויפיל שוין געליטן?
די מלחמה און די געטאָס
האָבן דיר אין פלייש געשניטן?

*) פויערישע וועגעלעך

האסט קיין כּוח מער צו קעמפן
ס'איז שוין שוואך דיין מוט און כּוח ?
פּרווו נאר, וועסטו זען עס לוינט זיך
פאר דעם לעבן וואס וועט קומען,
מיט דיין לעבן, נישט צו שפּארן !
צי נאך לעבסטו, זאג מיינ שכן,
אינעם שטיבל פונעם ווייטיק —
ווי א שנעק אין זיין געהייזל ?
זעסטו נישט און פילסטו דען נישט,
אז פארטריבן איז די מורא
פארן מארגן, שוין אויף אייביק !
היינט, שטרעקט אויס די רעפּובליק דיר
אירע הענט, ווי א זון אן אייגענעם
נעם און
דריק זיי —
נישט פארבייט זיי
פאר א שיסעלע מיט ווערטער
ליגנערישע און פארסמטע,
וואס עס שטרעקט דיר איצט אנטקעגן
דער גביר, רב אלטער ווײַנער,
וואס האט קיינמאל נישט פארזוכט נאך
פון דעם ביטערן טעם פון לײַדן !
ער באדארף דיך, הער מיין ברודער ;
פון דיין שווייס וויל ער זיך בויען
ווידער הייזער און פאבריקן
אין בן־גוריונס ישראל ;
דא, האט אים דאס לאנד פארשפּארט שוין
אלע טירן פאר די אויגן !
קיינמאל האט געטיילט מיט דיר, ער,
ס'ווארעמע, ווייסע ברויט פון לעבן... !
אויבן־אן אין שול, נאך זיצט ער
און וויל זיין דער ערשטער היינט נאך —
און אויך דער ערשטער ביים ארויסגיין...
ווען ער שטייט שמונה־עשרה

טראכט ער צו זיין גאָט —
דער דאָלער!
און שפּרינגט אונטער דריי מאָל קדוש
ווען די לירע איז געשטיגן!
ער באַדאַרף דיין בלוט, מיין חבר!
ווייל דיין בלוט פּולט אָן זיין קאַסע
מיט בריליאַנטן און מיט אַקציעס!
לאָז דיך פון אים נישט פאַרפירן
דו זאָלסט בויען אים שאָסייען
וועלכע זאָלן אויף זיך טראָגן
טרומאַנס טאַנקען און האַרמאַטן
קעגן סאָוועט־לאַנד דעם גרויסן!
דאָרט ווו ס'לעבט דיין ברודער אהרן
ווי א פרייער, גלייכער בירגער,
לעבן צענער אַנד'רע פעלקער;
דאָרט, ווו מען גרייט נישט קיין מלחמות,
ווו דער דניעפּר צינדט אָן ליכטער
אין די דערפער און קאָלווירטן;
ווו די וואָלגע וועט איר כוח
פאַר אַלע מענטשן פריי פאַרשענקען, —
דאָרט ווו סטאַלין היט דעם שלום
ווי א וועכטער, אומדערמידלעך.

הער אויס מיך, מיין חבר,
הער אויס מיך, מיינ שכן!
אויב ס'וועט דיר דער שונא
דאָס הויז נאָך באַטרעטן,
צי אויף דער נשמה
דיר לעגן נאָך ווערטער
שווערע ווי שטיינער,
שיק אים אין תפיסה
ווי א פאַרברעכער
וואָס וויל דיר דיין רו און מנוחה
באַרויבן!

דיין צוקונפט דיר שענדן!
דיר עקן דיין לעבן!
מאך אויף די אויגן, שכן מיינער,
זע ווי ס'שטייט דיר פאר דער שוועל
דער פינף־יאָר־פּלאַן, א געזונטער,
און ער רופט דיך, זאָלסט באגלייטן
אים אין וועג ווי א גוטן חבר
און דאָס לאנד וועט דיך באלוינען
אויב דו וועסט דיין מי ניט שפּאָרן.

עפן אויף דיין הארץ, מיין חבר,
לאָז דאָס גליק זיך זיינע וואָרצלען
טיף פארגראָבן, אין דיין הארץ אויך!
גליק, הייסט נישט פארן היינט נאָר לעבן
גליק הייסט קענען זען דעם מאָרגן.
און דער מאָרגן קלאפּט מיט רחבות
און מיט זאטקייט אין די טירן
פון רעפּובליק — אונדזער היימלאנד.
אזויפיל האָט זיך שוין געביטן
טאקע אין דיין אלטן שטעטל!
פון קאָאָפּעראטיוון, זאפּן
שוין דעם האָניק פונעם לעבן,
פּייוול באָדנער, משה בלעכער,
און דיין ברודער בערל שניידער,
דיין שכן קירקולעסקו
און דער קעלנער זאנד מנחם!
צו דיין „קאָנקורענט" דעם קליינעם קרעמער
לאזער מאָסקאָוויטש, וואָס זאָגסטו?
ווי ער האָט עס גוט פארשטאנען
אין דעם ראָד פון נייעם לעבן
איבערצייגט אריינצושפּרינגען?
ביסטו וויניקער פון אים דען?
איז דיין ווערט אלס מענטש, דען מינדער?
קלאָגסט זיך ווידער, אלטער שכן?!

וואקסט א קינד וואָס ווערט געבוירן
מיט אמאָל דען אויס א גיבור ?!
און מיר, זענען אויך געבוירן, נייגעבוירן
און מיר וואקסן ווי די דעמבבעס
גרויס און מעכטיק — רייך אין צווייגן,
און אין בלעטער!
און די צווייגן און די בלעטער
זענען אלע נייע מעגטשן,
וואָס באקרוינען אונדזער היימלאנד.
קום אהער און זע מיין חבר!
דאָ, פלעג דער גביר, דער קרעטשמער,
מיט זיין בראָנפן שיכור מאכן
אי דעם פויער, אי דעם יידן
ווייל אזוי האָט זיך געלוינט עס.
היינט איז דאָ, אן אטענע שוין
וו דאָס יונגוואַרג קומט צונויף זיך
אויסלערנען א ליד, א טענצל,
די נשמה זיך דערקוויקן
מיט א בוך צי מיט א פילם --
און די זקנים קומען אויך שוין,
שטופּן אָן זיך נאָך א לילקע;
הערן, קוקן, און פארשטיין
ווי ס'מאכט זיך, אמאָל לייכטער,
אמאָל שווערער,
שאָקלען מיט די בערד צופרידן —
ס'האָט אזויפיל זיך געביטן!

קום אהער און זע דעם מאָרגן!
וויפיל נאָך עס וועט זיך בייטן!
וועגן, וועלן נעענטער ברענגען
שטאָט צו שטעטל, דאָרף צו דערפל,
נייע הייזער וועלן וואקסן
מיט געזונטע, ווייסע פלייצעס,
און די קרומע, שווארצע פענצטער

ווערן איינזינקען פאר בושה
פאר די גרויסע העלע שויבן . . .
איבער הייזער, אין די רוימען,
ליכטער וועלן זיך צעבלישטשען
און צערייסן אין די שטיבער
און אויף געסלעך,
אלע שלייערן
פון דער פינצטערניש, דער געדיכטער;
שוימען וועט דער נייער כוח
אין די קופער־גאלד'נע דראטן;
נייע קוימענעס פון פאבריקן,
וועלן אין דעם הימל קוקן
און אויף סטראזשע שטיין ווי די זעלנער
פאר דעם לעבן און דעם שלום!
טויזנטער נייע טירן
וועלן זיך אין הויז פון היימלאנד
ברייט פאר נייער ארבעט, עפענען,
און די ארבעט וועט דיך בעטן
דו זאלסט קומען זי באשיינען!

וואס־זשע שטייסטו נאך און טראכסט,
אז דעם אנהויב, זעסט אליין דאך?
אז ער שמייכלט דיר אנטקעגן
אויף די וועגן און די שטעגן
איבעראל ווו דו נאר רירסט זיך?!
נעם און ריי דיך איין, מיין חבר!
ריים זיך אפ פון נייעם ווארטן
ווייל עס קומט קיין שום משיח נישט
אויף א ווייסן פערד, צו רייטן!
און די וווּנדער שאפן מענטשן!
קום־זשע, שכן מיינער, חבר,
נעם צעריים דעם פארמולאר שוין
וועלכן טראגסט נאך
ביי דער ברוסט באהאלטן.

צי דו האָלטסט אים אין דער שאַפֿע;
נעם צעריים אים, וועט א פּלאַג דיר
פונעם האַרץ אראָפּ, מיין חבר!
וועסטו ווידער רו באַקומען
און דעם כּוח
דו זאָלסט אַלץ וואָס פאַלש — צעררייסן!
ריי דיך איין און ווער א קעמפער
דורך דיין ארבעט, דורך דיין שאַפן,
פאַר דיין שטוב, פאַר ווייב און קינדער
פאַר דעם שלום פון דיין היימלאַנד!
קום, פאַרקאַטשע דיר די אַרבל,
לייג דיין האַנט צו מיט גבורה,
און העלף גרייטן אַלע טישן
פון דער רעפּובליק דער ליבער!
בוי מיין חבר, בוי די צוקונפט
פאַר די קינדערס זיסן שמייכל,
פאַר דער שטילער רו פון זקנים,
פאַר דעם רייכן צוויט פון גערטנער,
פאַר דעם ווייסן ברויט אויף טישן,
פאַר דעם רויטן ווייַן פון בעכערס
פאַר דער זיסקייט פון דער פרייהייט,
פאַר די בעקערס, פאַר די טאָקערס,
פאַר די פּויערים פון קאָלווירטן,
פאַר די פּשוטע שאַכטיאָרן,
און פאַר דיר אַליין, מיין ברודער!
פאַר דעם אַלץ וואָס ס'האָט דאָס היימלאַנד
דיר געגעבן,
און וועט דיר געבן!!
בלייב אַדאָ מיין פריינט און שכן,
ריי זיך איין;
נעם זיך צו ארבעט
ווי די שכנים אויף דיין געסל!
דעמלט, וועל איך רויק פון דאַנען
ווידער צו דער אַרבעט איילן;

שרייבן וועגן דיר, מיין חבר,
לידער, וועגן קינדער שרייבן,
וואָס טרוימען היינט צו ווערן העלדן
ארכיטעקטן, אינזשינערן, —
און דאָס היימלאנד, כ'וועל באזינגען!
און די אלע נייע בלומען
פון מיין רעפּובליק — רומעניע!

נעם ארום דאָס היימלאנד, קוש עס
אויף די באקן — אויף דעם שטערן;
צו דיין ברוסט דריק יעדעס גרעזל . . .
ס'האָט דאָס היימלאנד זיך פארדינט עס;
און באציר עס מיט דיין ארבעט,
און זאָלסט קיינמאָל עס פארלאָזן
הערסטו חבר,
קיינמאָל,
קיינמאָל זאָלסטו עס נישט פארלאָזן!!...

אינהאלט

		זייט
1.	אין דיר איז מיין גלויבן	5
2.	פויסטן	8
3.	ליכט אין ווארשעווער געטאָ	10
4.	מיט אונדז איז דער היינט	13
5.	מיין יונגנט	15
6.	צום טאָג פון גרויסן זיג	17
7.	עס ווערט דיין זון א זעלנער	19
8.	שניטער זינגען בייע לידער	21
9.	אן ענטפער אויף זעליק בארדיטשעווערס דוינע	23
10.	מאָטעלע איז גרייט	25
11.	צעפלאם דיין ליד	27
12.	שפיל מיין פידל	30
13.	פאק אויס דיין הארץ	32
14.	צו דער פרוי	34
15.	צו די יינגע שרייבער	36
16.	באפרייונג	38
17.	קום קעמף פאר שלום	41
18.	די באלאדע וועגן צבי עלנער	44
19.	איר גרייט זיך צו מלחמה ? !	46
20.	שבתי לייב און די וואלן	48
21.	בערל שניידער און דער וועלט־קאָנגרעס פון די שלום־פארטיזאנער	52
22.	הערשל שלימעס	55
23.	דער טאטע שרייבט מיר ווידער היינט א בריוו	58
24.	הער אויס מיך, מיין חבר !	60

געגעבן צום זעצן 1.II. 1951. דרוק־בויגנס 4,75
טיראזש: 100 + 2.000 עקזעמפלארן. דעצימאלע
קלאסיפיקאציע: 8.924.6—1. פארטיק צום דריקן:
15.III.1951. פארלאג־בויגנס: 2,4. פֿאָרמאַט:
86/16 x 61. פרייז: לעי 80. דרוקעריי: פּאָליגראַ־
פישער צענטער נר. 3.

אויטאָריזאציע צום דריקן נר. 576/951.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTRÉAL
יידישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה היהודית העממית